**UCLA**

**Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn**

**Title**

Ir Zuns Bar-Mitsve/ Her Son’s Bar-Mitzvah

**Permalink**

https://escholarship.org/uc/item/0m84r375

**Journal**

Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 95(1)

**Author**

Samson Apter, Shimshen Apter/

**Publication Date**

1980

**Copyright Information**

Copyright 1980 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

שמשון אַפּטער / ניו־יאָרק

# איר זונס בר מצוה

(דערציילונג)

סינטיאַ לובין איז געזעסן אויף אַ רונדיק קליין בענקעלע קעגנאיבער איר געשליפענעם טואַלעט־שפּיגל און לייכט צוגעפאַרבט מיט אַ ראָזעווע קאָליר אירע אויסגעבלייכטע באַקן. איר קליין דראָבנע פּנים איז געווען אויסגעצערט. די ווייעס מיט אירע לאַנגע ברעמען האָבן נערוועז אונטערגעצאַפּלט. דאָס קורצע געטאָקטע נעזל האָט זיך יעדע ווײַלע מפּונקדיק פאַרקרימט, ווי זי וואָלט מיט קיין זאַך נישט געווען צופרידן.

ווי אַזוי וועט זי מיט אַזאַ אויסזען קענען קומען צו איר זונס בר־מצוה? זי קען איר פאַרזאָרגט פּנים נישט פאַרשטיין. מען קען פאַרהילן דעם קערפּער מיט שיינע קליידער, אָבער דאָס פּנים? גראַד איז איר קערפּער יונג און פריש, אירע רונדיקע שמאָלע אַקסלען האָבן נאָך איר מיידלשע עלאַסטישקייט, אירע פולע ברוסטן שפּאַרן אַרויס פון אירע ברוסטהאַלטערס, פּונקט ווי אַ מאָל איידער זי האָט געהאַט אירע צוויי קינדער.

אירע אויגן צינדן זיך אָן מיט אַ גלוסטנדיק שמייכעלע. זי נעמט הנאהדיק גלעטן איר קערפּער, וואָס האָט זיך דורך דער צייט מיט גאָר נישט געביטן. זי ווייסט אַז זי וואָלט נאָך געקענט אָנפאַנגען אַ ניי לעבן, ווען איר צעשיידטער מאַן, דער אַדוואָקאַט אירווינג לובין, וועמען זי קען נישט פאַרטראָגן, וואָלט איר געגעבן אַ גט. ער נוצט אָבער אַלע זיינע לאָיערשע שטיק זי צו פּייניקן און זי האַלטן אין קלעם. קיינער פון איר משפּחה וויל איר נישט העלפן זי זאָל זיך קענען באַפרייען פון אים. ווי אַזוי קען זי זיי געבן צו פאַרשטיין ווי פיינט זי האָט אים, ווי זי קען נישט פאַרטראָגן דעם גערוך פון זיין לייב, אַז זי קען מער מיט אים נישט זיין אין איין שטוב.

אַלץ איז געקומען אומגעריכט, איידער זי האָט זיך אַרומגעזען ווי זי האַלט אין דער וועלט איז איר ערשטלינג, די טאָכטער אירע, שוין גרעסער ווי זי אַליין, געראָטן אין איר צעוואַקסענעם, מגושמדיקן טאַטן און פאַר איר זון גרייט מען די בר־מצוה־פייערונג.

זי פילט אָבער נישט די פרייד פון אַ מאַמע, וואָס גרייט זיך צו איר זונס בר־מצוה; ווי קען זי זיך פרייען, אַז איר זון איז מער ביי זיין פאָטער ווי ביי איר אין שטוב. עס ציט אים צו ביליקע פאַרגעניגנס פון זיין פאָטער: מיטצופאָרן צו פערד־פאַרמעסטן, צו קאָרטן־שפּיל, צו די פעטע פרעסערייען אין רייכע רעסטאָראַנען; ער לאָזט אים הערן זיינע פריינדס וווּלגאַרע וויצן און פלוידערייען.

עס איז איר אויך נישט ניחה זיך צו באַגעגענען מיט איר צעשיידטן מאַן אין טעמפּל ביי דער בר־מצוה צערעמאָניע און שפּעטער אין זעלבן זאַל ביי דער בר־מצוה שמחה, אָבער איר פאָטער, דער פוטערוואַרג סוחר, מאַקס פיינער, האָט דאָס אַלץ צוגעגרייט. ער האָט נאָך אַלץ די האָפענונג אַז זי, זיין טאָכטער סינטיאַ, וועט זיך נאָך איבערבעטן מיט איר מאַן און ער וועט ווייטער האָבן דעם לייטישן איידעם אין דינסט פאַר זיינע געשעפטן.

סינטיאַ האָט ביטער אַ שמייכל געטאָן, זי האָט זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צום קליידער־אַלמער, זיך אויסצוקלייבן אַ פאַסיק קלייד.

פון דרויסן האָט זיך מיט אַ מאָל דערהערט דאָס צופאָרן פון אַן אויטאָמאָביל, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן הויז. באַלד האָט אַ הילך געטאָן אַ קלונג ביים גלעקל פון טיר־אַריינגאַנג. סינטיאַ האָט לייכט אַ צאַפּל געטאָן, ווי מען וואָלט איר אויפגעוועקט פון אַ דרימל. איז שוין טאַקע אַזוי שפּעט? איר פאָטער איז איר געקומען נעמען צו דער בר־מצוה צערעמאָניע. זי האָט געכאַפּט אַ פלינקן קוק אויף איר האַנט־זייגערל, וואָס איז ס'געאיילט? עס איז נאָך געווען צו פרי. מסתמא וויל איר פאָטער זי אויפסניי מוסרן, ער וויל איר איבערצייגן, אַז אירע פירונגען וועלן מאַכן פון איר אַ תל, אַז מיט איבער־

רייסן מיט איר דערפֿאָלגרייכן כּאַן האָט זי גאָרנישט דערגרייכט. וואָס קאָן זי אָבער טאָן, אַז איר האַרץ איז גאָר געווענדט ערגעץ אַנדערש און נישט צו אים, איר מאַן, וועמען זי קען נישט פֿאַרטראָגן.

סינטיאַ האָט מיט אַ מאָל דערזען ווי די לויז פֿאַרמאַכטע טיר פֿון איר צימער האָט זיך פּאַמעלעך געעפֿנט מיט אַ שפּאַלט. איר טאָכטער לינדאַס פּנים מיט די אַרויסגעשפּאַרטע גרינע אַגרעס־אויגן בלישטשענדיק ווי ביי אַ קאַץ האָט זיך געזען אין דער טיר־עפֿענונג.

— יאָ, וואָס איז לינדאַ? דו ווילסט עפּעס?

— די זיידע און באָבע זענען שוין דאָ.

— וואָס איז דאָס איילעניש, עס ברענט ערגעץ? מאַך זיי עפּעס צום טרינקען — האָט סינטיאַ געזאָגט באַפֿעלעריש און מיט כּעס אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אַז זי זאָל פֿאַרשווינדן און צומאַכן די טיר.

סינטיאַ איז געבליבן שטיין אַ דערדריקטע, פֿול מיט חרטה, וואָס האָט זי צו דער טאָכטער, וואָס איז שטיל, איידל און פֿאָלגעוודיק. וואָס איז זי שולדיק וואָס זי זעט אויס ווי איר פֿאָטער. אין גאַנצן אין אים געראָטן, ווי אַ צווילינג־שוועסטער. ער פּוצט זיך אויסצוזען יונג צו געפֿעלן די טעמפּע ווייבער, וואָס ער פֿאַרברענגגט מיט זיי, און זי, די טאָכטער, גייט אַרום אָפּגעלאָזן ווי אַ צעוואַקסענע מויד, וואָס האַלט איר אין איין דערמאָנען, אַז זי, סינטיאַ, מיט איר גאַנצער יוגנט־לעכער האַלטונג, איז שוין אָבער נישט קיין פֿריילינג־הינדעלע. יאָ, איר טאָכטער איז שוין אָט־אָט אַליין רייף חתונה צו האָבן אויב עס וועט זיך איר איינגעבן קען זי, סינטיאַ, אין אַ גאָר קורצער צייט אַרום ווערן אַ באָבע.

די טאָכטער, לינדאַ, איז אָבער נישט אָפּגעטראָטן פֿון טיר. — גרענדפּאַ איז שווער אַרויסצוגיין פֿון מאַשין; נאָך דער אָפּעראַציע וואָס ער האָט געהאַט אויפֿן פֿוס איז אים שווער צו גיין — האָט לינדאַ געזאָגט מיט אַ וויינענדיק, פֿאַרדראָסיק קול.

— זיי רואיק, לינדאַ, איך ווייס, איך ווייס. איך וועל באַלד זיין גרייט.

דאָס מיידל איז אָפּגעטראָטן מיט שווערע שלאָבערדיקע טריט. באַלד האָט זיך פֿון קאָרידאָר דערטראָגן אַ שטיל שעפּטשען. לויט די ווייכע גלעטנדיקע טריט האָט סינטיאַ דערקענט, אַז דאָס איז איר מוטער.

— סערעלע, איך מיין, סינטיאַ, קען איך אַריינקומען צו דיר?

— קום אַריין, ס'איז אַן אָפֿן הויז — האָט סינטיאַ געזאָגט סאַרקאַסטיש.

די מוטער האָט געעפֿנט די טיר און מיט אַ פֿאַרזיכטיקע צוריקגעהאַלטנקייט אַריינגעבויגן דעם קאָפּ ווי צו ווייזן, אַז זי איז גאָרנישט אַזוי נייגעריק צו פֿאַרפֿירן מיט איר אַ געשפּרעך, אַז אויב איר טאָכטער איז נישט אויסן זי צו האָבן אין איר צימער קען זי זיך צוריקציען און איצט נישט רעדן מיט איר.

דער מוטערס אויסגעצערט פּנים פֿול מיט איינגעפֿאַלענע הויט־קנייטשן האָט אויסגעזען זייער פֿאַרזאָרגט, נישט ווי אַ באָבע וואָס גרייט זיך צו איר ערשט אייניקלס בר מצוה, אירע אַש־גראָע האָר אויפֿן קאָפּ זענען גראָד געווען שיין פֿאַרפּוצט און אַנדולירט מיט אַ בלישטשנדיקן, ווי פּיבערדיקן גלאַנץ. אויפֿן פּורפּל־קאָלירטן קלייד איז ביי איר ברוסט געווען צוגעהעקלט אַ פֿיאָלעט בלום. אַ קייטל מיניענדיקע קרעלן האָבן פֿאַרשטעלט די איינגעשניטענע קאַרבן פֿון איר האַלדז.

— אוי, ביסט נאָך אַלץ נישט אָנגעטאָן? — האָט די מוטער געזאָגט און זיך אַ פֿאַרצווייפֿלטע אַ קנופּ געטאָן ביי איר איינגעפֿאַלענער באַק. זי האָט מיט אירע טרויעריקע, פֿאַרנעפּלטע, ברוינע אויגן געקוקט אַ דערשטוינטע אויף איר טאָכטערס האַלב־נאַקעטן קערפּער.

— וואָס איז דאָס איילעניש, מען וועט אָן מיר נישט קענען מאַכן די קונץ־שטיק, כ'מיין די צערעמאָניע? — האָט סינטיאַ געזאָגט מיט אַ גלייכגילטיקייט, ווי מען וואָלט אויף איר אַרויפֿגעצוווּנגען אַן עול, וואָס זי וויל מער נישט טראָגן אויף זיך.

— דאַרפֿסט וויסן, אַז מיר דאַרפֿן דאָרטן זיין פֿריער פֿון אַלעמען, אויפֿצונעמען פֿאַרבעטענע געסט, משפּחה, קרובים און אַנדערע, כ'מיין דו ווייסט דאָך פֿון זיין צד. מיר זענען דאָך פּאָרט מחותּנים...

סינטיאַ האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים אַוועק פון איר מוטער, ווי עס וואָלט איר פאַרדראָסן צו הערן איר מוטערס רייד.

— מחותנים! אַ שיין געלעכטער, ווער דאַרף זיי האָבן! די פאַרגרעבטע ווייבער מיט זייערע שרייאיקע קליידער און די מענער מיט זייערע וווּלגאַרע רייד און זיינע פריינד די ליגנערישע לאָיערס.

— אַהאַ, קיינער טויג נישט ביי דיר, נאָר דו אַליין ווייסט אַלץ. האַלט זיך אין גרויסן, האַלט זיך. אויב דו ווילסט וויסן וועל איך דיר אויסזאָגן אַ סוד, דיין מאַנספערשוין, וואָס דו וואַרפסט זיך מיט אים, האָט שוין געקראָגן אַ יפה־פיה און מען שמועסט אַז ער וועט זי, צו מיין און דיין בזיון, ברענגען צו דער שמחה.

עס איז אַ ווײַלע געווען שטיל, ווי סינטיאַ וואָלט פון דער בייעס אויפגערודערט געוואָרן. זי האָט זיך אָבער באַלד האַסטיק אויסגעדרייט צו דער מוטער, איר פּנים איז פון דער נייעס געוואָרן צעטומלט, אירע אויגן ברייט צעעפנט מיט אַ דערשטוינטן בליק.

— דו מיינסט עס ערנסט? עס איז אפשר איינע פון די ווייבער מיט וועמען ער האָט צו טאָן, זיך מיט מיר צו רייצן. אָבער וועמען אַרט עס? — האָט סינטיאַ צענומען די הענט און מיט אַן אָפּשיי פאַרקרומט דאָס נעזל.

— ניין, מיין טאָכטער, מיט דער מיינט ער ערנסט. ער האַלט זיך מיט איר... — האָט די מוטער געזאָגט מיט אַ זיפצנדיקער שטימע.

— הער אויף צו זיפצן. אויב ער האַלט זיך מיט איר וועט ער מיר געבן אַ גט. און איך וועל פּטור ווערן פון איר — האָט סינטיאַ געזאָגט מיט אַן אויפגעלעבטער פריילעכער שטימע.

זי איז אַ טאַנצנדיקע צו געלאָפן צו איר מוטער, זי אַרומגענומען און געקושט איר פּנים.

— לאָמיך צורו מיט דיינע משוגענע שטיק. וועסט מיר פאַרשמירן ס'קלייד מיט דיינע שמירעכצן — האָט זיך די מוטער אַרויסגעריסן פון אירע הענט.

סינטיאַ איז צוגעלאָפן צו איר קליידערשאַנק. זי האָט געהאַט פריער צוגעגרייט אַ טונקל קלייד צוגעפּאַסט צו איר דערדריקט געמיט. איצט האָט זי אַרויסגענומען אַ העל זומערדיק קלייד מיט שמאָלע אַקסל־האַלטערס מיט אַ טיפן דעקאָלט און באַקעטער פלייצע. איבער דעם אַ האַלב ספּאַריש מענעריש דזשאַקעטל מיט ברייטע קליאַפּעס. זי האָט אַריינגעקוקט איר איר לאַנגן טיר־שפּיגל. זי איז געווען צופרידן פון איר קלייד און פון איר יונגמיידלשן אויסזען.

די מוטער האָט געקוקט אויף איר מיט געמישטע געפילן, מיט באַוווּנדערונג און אויך באַדויער, וואָס איר שיינע און לייטישע טאָכטער בלייבט אַליין אָן אַ מאַן און אירע משוגענע ליבע־איינרעדענישן האָבן נישט קיין האַפט, ווערן צערינען ווי מיטנאַכטיקער חלום.

— האָסט זיך אויסגעפּוצט, ווי מען פלעגט זאָגן ביי אונדז אין שטעטל מיטאַנטשע, ווי חוהלע צום גט, אָבער קיין גט וועט דיין געשפּאַן דיר אויך נישט געבן — האָט די מוטער שטיל געזאָגט און געשאָקלט באַדויערנדיק מיטן קאָפּ.

סינטיאַ האָט איר אָנגעקוקט אַ פאַרטייעטע מיט דערשראָקענע צעטומלטע אויגן.

— וואָס הייסט? איך פאַרשטיי נישט. אויב ער האָט זיינס גלייכן וועט ער מיך אָפּלאָזן.

— סע רעדט זיך נאָר אַזוי. די יפהפיה זיינע איז נישט קיין גרויסע צנועה און ווער איז היינט יאָ משטיינס געזאָגט? — האָט די מוטער באַדויערט און געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט די אויגן ווי זי וואָלט זיך געשעמט צו קוקן איר טאָכטער אין פּנים אַריין.

— יאָ צנועה, נישט, וועמען גייט עס אָן.

— עס גייט אין דעם וואָס די וועלט איז געוואָרן הפקר, וואָרעם זי קען לעבן מיט אים אַזוי, ווי מען זאָגט „אויפן וואָרט". איר צעשיידטער מאַן וויל זי אויך נישט אָפּגטן און ער קען אַרומהוליען אָן אַ גט. היינטיקע צייטן, וואָס עס טוט זיך אַלץ אָפּ, אַזעלכע מיאוסע זאַכן, וויי איז מיר.

סינטיאַ האָט אַ לאַך געטאָן פון איר מוטערס רייד.

— איך ווער שוין נייגעריק ווער איז זי די?... — האָט זי געפרעגט.

— ווערסט זי זען די פּעטשעטשע. זי איז, צווישן אונדז גערעדט, אַ בּיליקע טליק. זי האָט אויף בּלאָער סטריט אַ קרעמל ווו זי פאַרקויפט קליידער. ער, דיין מאַנספערשוין, איז נישט בּיי איר דער ערשטער. זי האָט אים אַריינגעכאַפּט אין אירע לאַפּעס — האָט די מוטער געזאָגט מיט אַ קרעכץ.

— און דו און מיין פּאַפּאַ, דער קלוגער בּיזנעסמאַן און פיינער ייד, וויל נאָך איך זאָל זיך מיט אים איבּערבּעטן, האַ? — האָט סינטיאַ געפרעגט און זיך געשטיקט מיט אַ געלעכטער.

— נו, קום שוין, מיר וועלן זיך אויסשמועסן שפּעטער — האָט די מוטער געזאָגט.

סינטיאַ האָט געמאַכט אירע לעצטע פּוצונגען אויפן פּנים, ליפּן, זי האָט אַרויפגעצויגן לאַנגע, ווייסע הענטשקעס אויף די הענט, אָנגעהאָנגען אַ ווייסן בּייטל אויף איר אַקסל און צוזאַמען מיט איר מוטער און טאָכטער אַרויס פון הויז.

האַרט בּיים צעמענטענעם אַריינגאַנג צום הויז איז געשטאַנען איר פאָטערס קאַווע־בּרוינער בּיואיק אויטאָמאָבּיל. איר פאָטער, אַן אויסגעבּלייכטער פון זיין קראַנקייט. ער איז נישט ווי אַלע מאָל איצט געזעסן בּיים טרייבּרעדל, נאָר אויפן הינטערשטן געזעס און אומגעדולדיק אַרויסגעקוקט דורך דער אַראָפּגעלאָזטער שויב פון טירל. ער האָט עפּעס שטיל גערעדט צו איר פעטער אייזיק בּעלפער, וואָס האָט זיך גערופן מיטן פאַרענגלישטן נאָמער בּאַלפור. דער פעטער, אַ הויכער בּרייטאַקסלדיקער מאַן, איז געשטאַנען אָנגעלענט בּיים צעבּלעטערטן מייפּלבּוים, וואָס האָט צעוואָרפן אַ בּרייטן שאָטן אויפן טראָטואַר בּיז אַרויף איבּערן גראָזיקן לאָן און בּלומען בּייטן נאָענט בּיים הויז.

דער פעטער האָט זיך אָפּגעריסן פון בּוים און מיט אַ שפּאַסיקע אָפּלאַכערישע שטימע אויסגערופן צו איר פאָטער:

— זי גייט, זי קומט, אויב מירן פאַרשפּעטיקן צו בּר־מצוה וועלן מיר אָנקומען צו זיין חתונה... — האָט דער פעטער געזאָגט און אַ קוועטש געטאָן מיט אַן אייגל.

סינטיאַ האָט זיך געמאַכט נישט הערן, נישט זען. אויף איר פאָטערס פּנים האָט זיך בּאַוויזן אַ גרימאַסנדיק שמייכעלע, וואָס האָט אָנשטאָט פרייד פון זיין בּאַרעדעוודיקן לצישן שוואָגער, גאָר אויסגעקרומט זיינע קרענקלעכע בּלאָע ליפּן.

סינטיאַ האָט זיך משער געווען, אַז איר פאָטער איז נישט אין אַ געהויבּענער שטימונג. איז זיין אומצופרידנקייט צוליבּ איר? אָדער מיינסטנס וואָס אים קומט אָן שווער צו גיין אויף די פיס נאָך זיין אָפּעראַציע אויף אַ קני וואָס ער האָט דורכגעמאַכט? און אָנשטאָט ער, דאַרף איר פעטער פירן דעם אויטאָמאָבּיל.

זי איז צוגעגאַנגען צו געעפנטן טירל, אַריינגעבּויגן דעם קאָפּ:

— האַלאָ, פּאַפּאַ, דו פילסט בּעסער? — האָט זי געזאָגט און אויסגעשטרעקט איר פּנים מיט אָפענע ליפּן, אַ קוש צו טאָן איר פאָטער.

— אָ, דער טייוול וועט מיך נישט נעמען — האָט דער פאָטער געזאָגט און נישט געקוקט אויף איר.

זי האָט גלייך בּאַמערקט, אַז לעבּן איר פאָטערס זייט, בּיים צווייטן ליידיקן געזעס איז געשטאַנען צונויפגעלייגט אַ גלאַנציקע אַלומעניום, רעדלדיקע שטול מיט וועלכער מען פירט איר פאָטער.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבּן אים און געוואָלט אָננעמען זיין אָרעם ווי אַלע מאָל ווען זי בּאַגעגנט איר פאָטער. ער איז אָבּער געזעסן לעבּן איר ווי אַ פרעמדער, אַן אָנגעלאָדנטער מיט פּאַרדרוס. דאָס האָט זי שוין געקענט זען פון זיין האַסטיק בּאַוועגן מיט זיינע קינבּאַקן און פאַרשטשעמעטן מויל, ווי ער וואָלט שטיל געבּיסן מיט די ציין. עס האָט איר אַרומגענומען אַ ווייטיקדיקער רחמנות צו אים. עס קען זיין אַז זיין פּאַרדרוס איז גאָר נישט קעגן איר, נאָר גאָר פון זיין קראַנקייט, וואָס איז געקומען אומגעריכט, פון זיין אַרומשלעפּן זיך איבּער די שטעט פון לאַנד, ווי דער פאַרקויפער פון זיין פירמע, די „ווילסאָן פאָר קאָמפּאַני", האָט ער גענומען פילן אַ ווייטיק אין אַ קני. ער האָט געמוזט אַוועק אין מיטן סעזאָן זיך אָפּערירן. דער קני־בּיין האָט זיך געקרישלט. עס האָט זיך אָנגעהויבּן מיט אַ קלייניקייט און איצט איז ער צוגעבּונדן צום רעדל-

דיקן שטול מיט אַ פּלאַסטישן און מעטאַ־
לענעם קני־בונד אין זיין פוס.
— איך האָב געהערט אַז דו רייסט זיך
צו גיין אין שאָפּ צו דיינע ביזנעס — האָט
סינטיאַ שטיל געפרעגט מיט זאָרג אין
איר שטימע.
דער פאָטער האָט אויסגעדרייט דעם
קאָפּ צו איר.
— מיין שותּף אין געשעפט וויל מיך
שוין נישט האָבן. ער האַלט אַז איך האָב
זיך גענומען אַ וואַקאַציע אין מיטן סעזאָן.
— האָט דער פאָטער געזאָגט מיט אַן אָנ־
געשטרענגטער העפלעכקייט ווי צו באַ־
האַלטן זיין פאַרדרוס צו איר.
— נאָך דעם ווי דו האָסט אים אַריינ־
גענומען ווי אַ „פאַרטנער“, ווי די מאַמע
זאָגט: האָסט אים געגעבן אַ ברויט מיט
אַ מעסער, אַן קאָפּ־דרייעניש און אַן געלט
— האָט סינטיאַ געזאָגט צו ווייזן איר
פאַראינטערעסירטקייט אין זיין ווילזיין.
— וואָס האָב איך געקענט טאָן? ער
איז געווען דער בעסטער פּראָדוציר־מאַן
וואָס די פירמע האָט ווען געהאַט, דער
בעסטער „מינק־קאַטער“ (מאַרדער צו־
שניידער). זיינס אַ מאָדעל האָט אַראָפּ־
געלויכטן פון אַ ווייבערשער פיגור און
באַשיינט די גרעסטע מיאוסקייט — האָט
דער פאָטער געזאָגט און אַ באַדויערנדי־
קער זיפץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין
מויל.
— נו שוין ווידער געשעפטן? היינט
רעדט מען נישט וועגן ביזנעס, היינט
האָבן מיר דעם קינדס שמחה — האָט זיך
אָנגערופן די מוטער, וואָס איז געזעסן
אין פאַרנטיקן געזעס לעבן פעטער און
זיך צוגעהערט צום שמועס פון פאָטער
מיט איר טאָכטער.
— ביזט גערעכט בלומע, איך וויל אים
פאַרגעסן ווי אַ בייז משכון — האָט דער
פאָטער געזאָגט און זיך צוגעשפּאַרט בענ־
טער צום אָנלען פון געזעס.
סינטיאַ האָט אָבער געפילט, אַז דער
גאַנצער פאַרדרוס זיינער איז קעגן איר,
וואָס גראָד איצט אין זיין שווערסטער
צייט פילט ער, אַז זי, זיין פעאיקע און
איינציקע טאָכטער איז פאַר אים דער
גרעסטער דורכפאַל. איצט, טראַכט ער,
וואָלט ער געדאַרפט האָבן איר מאַן אויר־
ווינג לוביך, דעם כיטרען לאַיער, ער זאָל
אים אַרויסהעלפן, זיין שותּף זאָל אים
נישט צעטרעטן און אַרויסשטופּן פון גע־
שעפט. עס איז איר איינגעפאַלן אויסצו־
געפינען צי דאָס איז טאַקע זיין פאַרדרוס.
— פאַרוואָס באַראַטסט דו זיך נישט
מיט אירווינגען? ער קען דיין פאַרלעגנ־
הייט, דיינע געשעפטן.
דער פאָטער האָט זיך אָפּגעריסן פון
זיין אָנלען, ווי ער וואָלט זיך ראַפּטאָם
אויפגעכאַפּט פון אַ שלעכטן חלום און
דערזען, אַז דאָס איז בלויז געווען אַ קאָ־
שמאַר. ער האָט אָנגעקוקט זיין טאָכטער
ווי ער וואָלט זי געוואָלט דערפאַרשן, זיין
זיכער, צי איז נאָך דאָ אַ האָפענונג אַז זי
זאָל זיך איבערבעטן מיט איר מאַן. איר
פּנים איז אָבער געווען קאַלט, אויסגעלאָשן
ווי זי וואָלט געהאַט גערעדט וועגן אַ
פרעמדן מענטש.
— ווי קען איך האָבן אַ האַרץ צו ריידן
מיט דיין מאַן, אַז דדו וואַרפסט זיך מיט
אים ווי ער וואָלט געווען ס׳ערגסטע אויף
גאָטס ערד — האָט דער פאָטער געזאָגט
מיט אַ קרעכץ.
— ער איז דאָס ערגסטע — האָט סינ־
טיאַ געזאָגט בייז און אַנטשלאָסן.
— נו שוין, אַז דאָס איז עס. צו אַלע
מיינע אומגליקן האָב איך נאָך אַן אומגליק
וואָס שטייגט איבער אַלע מיינע צרות.
ביידע זענען אַנטשוויגן געוואָרן, געזעסן
אָנגעבלאָזן ווי צוויי פאַרברוגזטע נאָך אַ
קריגעריי, ווי זיי וואָלטן נישט אַרויסגע־
שריגן פון זיך זייער גאַנץ קריגעריי און
איצט שטיקן זיי זיך מיט דעם אויפן
האַרץ בייזע און פאַרקלעמטע.
זיי זענען געווען אַזוי פאַרטאָן אין זיך,
אַז זיי האָבן נישט געזען, נישט געהערט
ווי דער אויטאָמאָביל איז פלינק געלאָפן
איבער זייטיקע רעזידענץ־גאַסן מיט פאַר־
מעגלעכע איין און צוויי פאַמיליע־הייזער
מיט גרינע און בלומענדיקע גוט־געפלעג־
טע לאָנען ביי די אַריינגאַנגען. די מאַשין
האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן גרויסאַרטיקן
טעמפּל בית צדק.
די האַרבסטיקע קילע פאַרמיטאָג זון
האָט באַלויכטן די ראָזעווע געטעסעטע
שטיינער פון פאַרנטיקן אַריינגאַנג צום
טעמפּל. אויפן טראָטואַר און אויף די לאָנ־

גע טרעפּ זענען שוין געווען פֿאַרזאַמלט
פֿיל פֿון די פֿאַרבעטענע געסט, קרובים,
איינגעטיילט אין גרופּקעלעך.

סינטיאַ האָט גלייך געזען אַז די געסט
און משפּחות פֿון איר מאַנס צד זענען
געשטאַנען אָפּגעזונדערט פֿון איר פּאַטערס
קרובים, ווי ביידע צדדים וואָלטן געפֿילט
אַ ברוגז און אַ פֿאַרדרוס איינע קעגן די
אַנדערע.

די מענער אין ווייסע קאַפּעלעך אויף
די קעפּ. די פֿרויען אויסגעפּוצטע אין
פֿיל קאָלירנדיקע קליידער. טייל, די רייַ־
כערע פֿון איר מאַנס צד, מיינסטנס פֿוטער־
וואַרג־הענדלער, האָבן געטראָגן מינק־
שאַלן אויף די אַקסלען, אַנדערע — אין
טייערע פֿוטערנע זשאַקעטן.

— נו, זעסט מיין טאָכטער, מיר זענען
שוין געקומען שפּעטער ווי אַנדערע —
האָט די מוטער געזאָגט אַ פֿאַרזאָרגטע.

זיי זענען אַרויס פֿון מאַשין. דער פּעטער
אייזיק האָט אַרויסגענומען די רעדלדיקע
שטול, זי אַוועקגעשטעלט אויפֿן טראָטואַר.
דער אַלומעניום פֿון שטול האָט פֿון דער
צעהעלטער זון אַ בלענד געטאָן מיט אַ
שפּיגלדיקן שיין. ער האָט אָנגענומען
איר פּאַטער אונטערן אָרעם און אים
אַרויסגעהויבן פֿון אויטאָמאָביל אַרויס,
אויך די מוטער האָט אים אונטערגעהאַלטן
און אים אַריינגעזעצט אין שטול.

עס זענען אָנגעלאָפֿן עטלעכע קרובים
גרייט צו העלפֿן איר פּאַטער, וואָס נישט
געקוקט אויף זיין קראַנקן צושטאַנד איז
ער פֿאָרט געקומען צו זיין אייניקלס שמחה.

סינטיאַס שוועגעריך, איר מאַנס עלטע־
רע שוועסטער דעבאָראַ, אַ ברייט צעוואַק־
סענע פֿרוי מיט אַ גרויסע פֿעטלעכע נאָז,
זייער ענלעך צו איר ברודער, סינטיאַס
צעשיידטער מאַן, האָט מיט אַ פֿאַרקרומ־
טער בייזער גרימאַסע אויפֿן פּנים זיך
אויסגעדרייט צו דער וואַנט ווי צו ווייזן
איר שנאה צו סינטיאַ און איר גאַנצער
משפּחה.

סינטיאַ האָט געוווּסט אַז איר שוועגע־
רין האָט איר שטענדיק פֿיינט געהאַט,
זי באַרעדט, איצט ווייזט זי אַרויס אָפֿן
אַלע זאָלן זען איר פֿיינטשאַפֿט. סינטיאַ
האָט ביטער אַ שמייכל געטאָן, עס האָט
איר הנאה געטאָן וואָס איר שוועגערין

האָט פֿאַרדרוס. זי האָט אַ בייז גיפֿטיק
האַרץ, ווייזט אפֿילו נישט אַרויס ווי אַנ־
דערע קיין מיטגעפֿיל צו איר פּאַטער.

זי איז געבליבן אַ ווײַלע שטיין אויפֿן
טראָטואַר. געקוקט אַרויף צו די אָפֿענע
דעמבענע טירן פֿון דעם טעמפּל, וווּ עס
זענען שוין געשטאַנען גאַנצע משפּחות
מיט אונטערגעוואַקסענע קינדער, וואָס
מען דאַרף שוין אויכעט צוגרייטן צו זייַ־
ערע בר־מצוות. די ייִנגלעך מיט שפּיצן
קאַפּעלעך ווי קאָלירנדיקע קריינדעלעך
צוגעהעפֿטלט צום מיטן קאָפּ. טייל זענען
געשטאַנען רואיק און לייטיש לעבן די
עלטערן, אַנדערע האָבן געהאָפּסלט איבער
די טרעפּ, געשטופּט איינער דעם אַנדערן.

וווּ איז איר זון וויקטאָר? דאָס בר־מצוה
בחורל, וואָס איר מאַן אירווינג דאַרף
דאָס אים ברענגען צו דער בר־מצוה צע־
רעמאָניע? זענען זיי שוין אינעווייניק אין
טעמפּל, אָדער ער האָט זיך פֿאַרשפּעטיקט
מיטצוברענגען זיין באַגלייטערין...

מיט אַ מאָל איז האַסטיק צוגעפֿאָרן אַ
טונקל־ווייסער אויטאָמאָביל. זי האָט גלייך
דערקענט אַז דאָס איז איר מאַנס מאַשין.
דער אויטאָמאָביל האָט געהאַט אַן איינ־
געפּלאַטשטע אָפּגעשיילטע שילד, די מע־
טאַלענע ראָד איבערדיק (?) וואָס איר
מאַן האָט געהאַט באַשעדיקט אין אַ צוזאַ־
מענשטויס מיט אַ צווייטער מאַשין אויף
אַ הויפּט־וועג בעת אַ קריגערײַ מיט איר.
ער איז דאַמאָלס געווען שיכור נאָך אַ
הוליאַנקע מיט זיינע פֿריינד.

איר מאַן אירווינג איז אַרויס דער ער־
שטער. ער האָט געטראָגן אַ שוואַרצן
אַנצוג, אַ ווייס העמד מיט אַרויסגעשטאַר־
טשענדיקע מאַנקעטן, פֿאַרהעקלט מיט
אַ גרויסן שוואַרצן שלייער־שניפּס. ער
האָט אויסגעזען חתנדיק, ווי אַמאָל ווען
זיי האָבן זיך געגרייט צו זייער חתונה.

ער איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער
און געקוקט אויף איר מיט אַרויסגעשפּאַר־
טע אויגן.

סינטיאַ האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ
פֿון אים און געקוקט אין דער זייט וווּ
עס זענען געשטאַנען איר מאַנס באַגליי־
טערין און איר זון. די פֿרוי האָט אַ לאַכנ־
דיקע געשפּאַסט מיט איר זון. זי האָט
אים אויסגעגלעט זיינע צעשויבערטע האָר

פון קאָפּ, אים אויסגעגלייכט דעם שניפּס איבערן העמד, דאָס מענערישע רעקל מיט דעם ווייסן טיכעלע ביים ברוסט־טעשל.

— איצט ביסטו גרייט צו דער בר־מצוה, מאַי באָי, זעסט שוין אויס ווי אַ רעגולערער מאַן — האָט זי געזאָגט און אים שטיפנדיק אַ בוכצע געטאָן אין דער ברוסט.

דאָס ייִנגל האָט הנאהדיק געשמייכלט צו איר מיט אויפגעלויכטענע אויגן.

סינטיאַ האָט דערפילט ווי איר ברוסט־קאַסטן ציט זיך צונויף און עס פעלט איר אויס לופט צו אָטעמען.

די פרוי איז געווען אַ הויכע מיט אַ געפאַרבט פלאַמענדיק פנים, מיט בלאָע צוגעפאַרבטע ברעמען טיף אַריין צו די אויגנלעכער. אירע ברוינע אויגן האָבן געבליצט מיט אַ פיבערדיקן ווי פאַרשייטן פייער. אירע טונקעלע, אַביסל צוגעפאַרבטע רויטלעכע האָר זענען געווען אַנדולירט מיט אַ בלישטשנדיקן גלאַנץ. זי האָט געטראָגן אַ סאַטין טונקל־גאָלדיק קלייד, שטאַרק געפאַסט, וואָס האָט איינגעצויגן אירע זיך באַוועגנדיקע היפטן, די שפּיצן־נאָפּלען פון די בריסטן. אויף אירע אַקסלען האָט זי געטראָגן אַ קורץ, אָפן, העל־בלאָנד, מינק זשאַקעטל. אויף אירע הענט האָבן זיך געבאָמבלט עטלעכע גאָלדיק שיינענדיקע בראַסלעטן.

סינטיאַס זינדל, דאָס בר־מצוה בחורל, האָט שוין געהאַט דערזען זיין מוטער. ער האָט זיך געלאָזן אויסגעדרייט און אַ פאָכע געטאָן מיט דער האַנט צו איר. ער איז געשטאַנען אַ ווילע רואיק, ווי ער וואָלט איבערגעטראַכט צי זאָל ער איצט צוגיין צו זיין מוטער, אָדער שפּעטער, ווען ער וועט זיין אין טעמפּל. עס איז אים געווען זייער גוט צו זיין לעבן דער פרוי, זיין פאָטערס באַגלייטערין.

דער פאָטער, אוירווינג לובין, האָט מיט אַן אָפּלאַכעריש שמייכעלע אַ זאָג געטאָן צו אים:

— דיין מאַמע וואַרט אויף דיר. גיי זאָג האַלאָו.

דאָס ייִנגל האָט זיך ווי אומגערן אָפּגעריסן פון אָרט לעבן דער פרוי און פאַמעלעך צוגעגאַנגען צו זיין מוטער.

— האַלאָו מאַ, דו גייסט מיטן גרענדפאַ? איז אים בעסער? איך וועל דיך זען אין טעמפּל, מאַ — האָט ער געזאָגט און זיך גערוקט הינטערווילעכץ מיט אַן אויסגעדרייטן קאָפּ, ווי נישט צו פאַרלירן זיין פאָטער און זיין באַגלייטערין.

סינטיאַ האָט געשאָקלט אַ רעזיגנירטע מיטן קאָפּ: — יאָ, וויקטאָר, איך וועל דיך זען אין טעמפּל.

ער האָט גיך אַוועקגעאײַלט פון איר און שוין שטייענדיק לעבן זיין פאָטער און די באַגלייטערין האָט ער ווידער אַ פריילעכער געפאָכעט די האַנט צו איר.

סינטיאַ האָט דערפילט ווי איר קערפּער לאָזט זיך אַרונטער ווי אומצופאַלן. זי האָט זיך געשטאַרקט און זיך אָפּגעריסן פון אָרט. זי האָט זיך געלאָזט אַרונטער צום אונטערשטן אַריינגאַנג צום טעמפּל, ווו איר פעטער און אויך אירע קרובים האָבן מיט אָנשטרענגונג אונטערגעהויבן די רעדלדיקע שטול אַריבערצוטראָגן די עטלעכע טרעפּלעך ביי די גלעזערנע אַריינגאַנגטירן.

איר מוטער האָט שוין געוואַרט אויף איר:

— ווו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן?

— איך בין דאָ, מאַמע, איך זוך אַ פּאַודער־צימער — האָט זי געזאָגט און אויסגעדרייט איר פנים פון דער מוטער, זי זאָל נישט באַמערקן איר פאַרטרויערטן אויסזען. אירע אויגן, וואָס אָט־אָט וועלן זיך טרערן אַרויסשפּאַרן פון זיי.

— איך האָב געמיינט אַז דו ביסט געגאַנגען זוכן דיין זון? — האָ די מוטער געזאָגט מיט אַ סאַרקאַסטישן טאָן.

סינטיאַ האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק. זי האָט גיך, גיך געאײַלט איבער די גרויסע, לאַנגע קאָרידאָרן פון דעם אונטערשטן פאָרטער ביז זי האָט געפונען אַ פּאַודער־צימער. זי האָט דערפילט די טאַסקייט פון אירע טרערן, וואָס האָבן זאַלציק געצופּט אירע גליענדיקע באַקן, וואָס זי מוז אויסטריקענען, פאַרמאַסקירן מיט פּאַודער איידער זי וועט אַריין אין טעמפּל צו איר זונס בר־מצוה פייערונג.